מְסֶכְתָּ פּוּרִים

אָדֶער דֶער צְוֵייטֶער טְהֵייל פוּן

הֶערְשֶׁעלֶע עָסְטֶערְפָּאלֶיעֶר

וְוִי אַזוֹי אִיז הֶערְשֶׁעלֶע מְשַׂמֵחַ דֶעם עוֹלָם אוּם פּוּרִים ׃

עֶר לֶערנט אַ בְּלַאטט גְמָרָא פוּן מְסֶכְתָּ פּוּרִים אוּנ פֶּערְטַייטשט דָאס גוּט יֶעדֶער זָאלל קָאנֶען פֶערשְׁטֶעהן. דֶערנָאךְ זָאגְט עֶר אַ שְׁטִיק׳ל תּוֹרָה פוּן דִי מְגִלָּה, זִינגט אַ שֵׁאן לִיעד אוֹיף פּוּרִים אוּנ לַייֶענְט דִיא מְגִלָּה פוּן דִי חֶעלְמֶער נַארָנִים.

צוּזַאמֶמענגֶעקְלִיבֶּען אוּנ צוּנוֹיפְגֶעזֶשׁעבְּרָעוֶועט פוּן

ר׳ הֶערְשֶׁעלֶע עָסְטֶערְפָּאלִיעֶר׳ס אַ אֵיינִיקֶעל.

וואַרשא

פערלַאג אוּנ אייגענטהוּם פוּן יהודה ליב מארגענשטערן

בוכהאַנדלונג אין ווארשא, פראַנציסקאנער שטראססע 26 №

שנת תרסג לפ"ק

174

פון י. ל. מארגענשטערן, ווארשא, פראנציסקאנער № 26

בעקומט מען אללער האנד ספרים אלטע אונ נייע, אויף לשון הקודש אונ אויף עברי טייטש: חומשים, עשרים וארבעה, תנ"ך סדורים, מחזורים, כלה-סדורים (סבלונות) מיט פערשיעדענע איבער-זעצונגען: יודיש, רוסיש, פאלניש, דייטש אונ אין פערשיעדענע פראכט-באנדער; ש"ס'ין (גמרות), משניות, עין יעקב, שאלות ותשובות, פוסקים ראשונים אונ אחרונים, דרוש-ספרים, מוסר-ספרים אונ מפורשים אויף תנ"ך אונ ש"ס; אללע סארטען העברע-אישע ביכער, זשארגאנישע ביכער, טהעאטער-שטיקע, ליעדער, נאטען צו פערשיעדענע יודישע טהעאטער-שטיקע אונ ליעדער צו שפיעלען אויף פיעדעל אונ פיאנא, נאטען פון סקארבאווע נגונים, נאטען פאר מארשעליקעס (בדחנים), פרעהליכע גראם ביכלעך אונ וויטצען-ביכלעך פאר בדחנים אונ מארשעליקעס; אוטשעבניקעס (לעהר-ביכער) וואס מען בענוטצט אין אללע יודישע חדרים אונ שקאלעס; מעטאדעס פאר דיא וואס ווילען זיך אלליין לערנען אהן די הילף פון א לעהרער פערשיעדענע לשונות: לשון הקודש, רוסיש, פאלניש, דייטש, פראנצאזיש, ענגליש אונ שפאניש קאליגראפישע העפטען אליין זיך אויסצולערנען אהן די הילף פון א לעהרער שאן שרייבען אלערליי שפראכען; פערשיעדענע בילדער, שאנפעציערטע מזרח'ס אונ אהל-בילדער פון פערשיעדענע יודישע גרויסע לייט צו'ם אויסציערען א יודישע שטוב; שאן פערפוצטע יאהרצייטען מען זאלל נישט פארגעסען דעם יאהרצייט-טאג פון עלטערן אונ בעקאנטע; פערשיעדענע תפלות אונ אזהרות אויף צו הענגען אין א בית הכנסת; תפלין, בתים, פרשיות, רצועות אונ שידלעך צו תפלין; מזוזות, שידלעך צו מזוזות, מגלות געשריבען אויף פארמעט, גידין צו צונאהען תפלין אונ ספרי תורות; טליתים פערשיעדענע סארטען וואללענע אונ זיידענע, טליתים קטנים באוועלנע אונ וואללענע; ציצית, כפול-שמנה ציצית, ארץ ישראל ציצית; יארמלען קאמגארענע אונ זיידענע, קאפלען פראסטע, סאמעטענע אונ זיידענע. טלית זאקלעך אונ תפלין ביימעלעך, מענטעלעך צו ספרי תורות, פרוכת'ן, עטרות צו טליתים אונ צו קיטלען, שפאניעס צו קינדער-קאפלען, שופרות, הבדלות אונ נאך א סך זאכען וועלכע זעגען שייך צום מסחר פון ספרים. מען קאנן אויך ביי מיר אבאנירען פערשידענע צייטונגען אונ זשורנאלען לויט רעדאקציאן פרייז.

מסכת פורים

אדער דער צווייטער טהייל פון

הערשעלע עסטערפאליער

וי אזוי איז הערשעלע משמח דעם עולם אום פורים ?

ר לערנט א בלאטט גמרא פון מסכת פורים און פערטייטשט
אם גוט יעדער זאלל קאנען פערשטעהן. דערנאך זאגט ער א
שיקל תורה פון די מגלה, זינגט א שאן ליעד אויף פורים און לייענט
דיא מגילה פון די העלמער נארראנים.

צוזאמענגעקליבען און צונויפגעשעברעוועט פון
ר׳ הערשעלע עסטערפאליער׳ס אייניקעל.

ווארשא

פערלאג און אייגענטהום פון יהודה ליב מארגענשטערן
בוכהאנדלונג אין ווארשא, פראנציסקאנער שטראססע № 26

שנת תרסג לפ"ק

וויכטיג פאר אלע יודען אין דער גאנצער וועלט.

הֲיָדַעְתֶּם אִם לֹא שְׁמַעְתֶּם? ווייסט איהר עס? האָט איהר עס געהערט? לֹא יַאֲמֵן כִּי יְסֻפָּר. מ'וועט נישט גלויבען אז מ'וועט עס דערצעהלען, יעדער יוד האָט זיכער געהערט אַז עס איז דאָ ביי אונז אַ הייליגער ספר מדרש רבה אויף גאַנץ תורה אַלע פיניף חומשים בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, דברים, און אויף גאַנץ חמש מגלות, אסתר, שיר השירים, רות, איכה, קהלת.

וואָס איז אַזוינס דער מדרש רבה?

און ווער האָט איהם געמאַכט?

דער מדרש רבה איז אַ פירוש אויף דער תורה און אויף די מגילות נאָך פון אונזערע תַּנָּאִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה די בַּעֲלֵי הַתַּלְמוּד לויט דעם חֵלֶק אַגָּדָה וואָס האָט זיך ביי אונז אָנגעזאַמעלט פון גאַנץ אַלטע צייטען ביז די הֲלָכָה און אַגָּדָה האָבען זיך אָפּגעטהיילט איינער פון דער אַנדערער יעדער אויף איהר בעזונדערן וועג די ערשטע סימנים פון אַגָּדָה געפינען מיר שוין אין די לעצטע ספרים פון תַּנַ"ךְ פיער הונדערט יאָהר צייט האָבען זיך כְּסֵדֶר געזאַמעלט און פערברייטערט די אַגָּדוֹת ביי אונז וואָס פון זיי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען דער מדרש רבה נאָכאַמאָהל פיער הונדערט יאָהר האָט געדויערט דער צוזאַמעננעמען און איינאָרדענען דעם מדרש רבה אין דער פאָרמע וואָס מיר זעהען איהם יעצט פאַר די אויגען דער מדרש רבה איז פיל מיט סודות התורה ווער עס איז זוכה צו לערנען איהם מיט אָפענע אויגען ווייסט וואָס עס טהוט זין אין אַלע עולמות עליונים וואָס עס איז געוועזען איידער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען און וואָס עס וועט זיין נאָכדעם אז משיח

וועט קומען במהרה בימינו ווייל אין דעם מדרש רבה איז איינגעקנעטעט און איינגעפלאָכטען זעהער אסאך הויכע געדאנקען פון אלע אונזערע גרויסע לייט פון די ערשטע דורות אָן ביז די צייט וואָס ער איז געענדיגט געוואָרען ביי יודען איז דאָ אסאך חֶבְרוֹת בַּעֲלֵי המדרש וואָס מ'קומט זיך אלע טאָג צוזאמען און מ'לערנט מדרש רבה כָּרַבִּים טויזענדער יודען זענען דאָ וואָס האַלטען אַ חלק מדרש רבה אין טלית זאק און אזוי גוט ווי זיי דאווענען אלע טאָג אזוי לערנען זיי אלע טאָג מדרש רבה הונדערטער פרושים האָט מען שוין פערפאסט אום צו געבען צו פערשטעהן די טיפזיניגע גייסטרייכע ווערטער פון דעם מדרש רבה די גרעסטע לייט פון די אומות העולם וואָס אינטערעסירען זיך מיט אונזערע יודישע ספרים און שטודירען זיי אז זיי זענען צוגעקומען צום מדרש רבה און האָבען אָנגעהויבען צו פערשטעהן די טיפע מאמרים פון איהם זענען זיי געבליבען שטעהן מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ פון פערוואונדערונג ווי פון בליץ געטראָפען זענען זיי געבליבען בעטראַכטענדיג דעם גרויסען טיפען קוואַל פון חכמה וואָס אונזערע געלעהרטע האָבען אונז איבערגעלאָזט שוין פון טויזענדער יאָהרען ווייט בערוהמט זענען די משלים פון מדרש רבה צימליך און זיס זענען די אגדות זיינע העכסט אַללעגאָריש געשריבען איינגעהילט אין קליידער פון שענסטין קאָליר אַז דער מדרש רבה איז געשריבען מיט רוח הקודש דערקענען מיר דערפון וואָס מיר געפונען אין איהם שטעלען וואָס זענען צוגעפּאַסט צו אלע פערגאַנגענע עפּאָכען פון דער מענשהייט בכלל און פון יודען בפרט אונזערע חכמים האָבען זיך אויסגעדריקט וועגען דעם מדרש רבה מיט פאָלגענדע ווערטער רְצוֹנְךָ שֶׁתַּכִּיר אֶת מִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם אויב די ווילסט דערקענען דעם דאָזיגען וואָס מיט זיין בלויזען אַרויסזאָגען איז געוואָרען אַ וועלט לְמוֹד הַגָּדָה לערען הַגָּדָה (דעם גרעסטען טהייל דערפון געפונען מיר אין מדרש רבה ער איז פיל מיט הגדה) שֶׁמִּתּוֹךְ כַּךְ אַתָּה מַכִּיר אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא דען פון דיזער לעהרע וועסטו דער קאָנען דעם הייליגען געלויבט איז ער וּמִדַּבֵּק בִּדְרָכָיו און די וועסט זיך באַהעפטען אין זיינע וועגען (סִפְרֵי דברים מ"ט) אום צו מאַכען דעם מדרש רבה פאַר אַ ספר וואָס דאָס גאַנצע פאָלק

ישראל זאָל איהם פערשטעהן האָבען מיר איהם נאָך אלאַנגע מיהפולע ארבעט איבערזעצט פאָלשטענדיג אין א פארפיינערטען זצרגאָן נאָך די קוועלען פון די בעסטע מפורשים הונדערטער פרושים האָבען מיר צוזאַמענגענומען די זעלטענסטע אנטיקען פון די גרעסטע ביבליאָטעקען און בעאַרבעט.

דורך דעם באַריהמטען איבערזעצער ר׳ יוסף מאיר יעבץ ז״ל וואָס האָט אויף זיין איבערזעצונג געקריגען הסכמות פון די גרעסטע גאונים אין אונזערע דורות אויך דער גאון מַלְבִּ״ם און דער תפארת ישראל זכרונם לברכה האָבען זייערע הסכמות געגעבען אויף זיין איבערזעצונג דער מדרש רבה איז יעצט גע-וואָרען אַנ׳אָפּענער ספר פאַר אַלעמען גרויס און קליין יונג און אַלט איטליכער וועט איהם פערשטעהן לויט זיין שֵׂכֶל מיט רעכט קענען מיר זאָגען אַז דער מדרש רבה וואָס מיר האָבען איהם אַרויס געגעבען אויף לשון קודש מיט דעם פירוש מתנות כהונה אויך אויף לשון קודש און מיט די פאָלשטענדיגע איבער-זעצונג אויף עברי טייטש איז בעסער ווי מיט הונדערט פירושים העכסט נוצליך אפילו פאַר דעם גרעסטען למדן.

דער מדרש רבה האַלט אינגאַנצען 255 גרויסע דרוק בויגען 4080 זייטען 8^0 ער איז איינגעטיילט אין 10 חלקים, לויט ווי זיי זענען ווייטער אויסגערעכנט, פרייז פון דעם גאַנ-צען מדרש רבה מיט עברי טייטש אַלע 10 חלקים 50 זלאָטיס, דער מדרש רבה מיט עברי טייטש ווערט אויך פערקויפט אין איינציגע חלקים פרייז פון יעדען חלק 8 זלאָטיס אויך אין איינציגע העפטען פרייז פין יעדען העפט 1 גרויסער דרוק בויגען 16 זייטען 50 גראָשען אַזוי איז איינגעטיילט דער מדרש רבה מיט עברי טייטש אַלע 10 חלקים.

1) ספר בראשית חלק א׳ פון אָנהויב פרשה בראשית ווי גאָט האָט בעשאַפען די וועלט ביז סוף פרשת וירא ווי אברהם אָבינו האָט געוואָלט מקריב זיין זיין זוהן יצחק אויף דער עקדה 30 בויגען 480 זייטען.

2) ספר בראשית חלק ב׳ פון אָנהויב פרשה ויהי חיי שרה ווי אונזער מוטער שרה איז געשטאָרבען אַלט 127 יאָהר און אברהם אבינו האָט איהר געבראַכט צו קבורה אין דער מערת המכפלה ביז סוף פרשת ויחי ווי יוסף הצדיק איז גע-

שטאָרבען אין עלטער פון 110 יאָהר 29 בויגען 464 זייטען. דער גאַנצער ספר בראשית ביידע חלקים פון באַשאַפונג ד׳ וועלט ביז דעם טויט פון יוסף הצדיק נעמען אַרום אַ צייט פון צווייטויזענד דרייהונדערט מיט ניין יאָהר.

3) ספר שמות, פון אָנהויב פרשה ואלה שמות ווי די יודען האָבען זיך אָנגעליטען אין מצרים אַריינקומענדיג אַהין אינגאַנצען 70 מענשען ביז סוף פרשת אֵלֶה פְקוּדֵי ווי מ׳באַרעכינט דאָס געלד זילבער און טהייערע מאַטעריאַלען וואָס מ׳האָט געזאַמעלט נדבות פון דעם גאַנצען פאָלק אויפצושטעלען דאָס משכן אין דער מדבר, דער גאַנצער ספר שמות וואָס נעמט אַרום אַ צייט פון 185 יאָהר, האַלט 29 בויגען 464 זייטען.

4) ספר ויקרא פון אָנהויב פרשה ויקרא וואָס רעדט אַרום די דינים פון קרבנות וואָס מ׳זאָל מקריב זיין פאַר גאָט׳ס וועגען ביז סוף פרשת בחוקותי וואָס לערנען די דינים פון נדרים און נדבות פאַר הֶקְדֵשׁ דער גאַנצער ספר ויקרא וואָס אין איהם איז דאָ אַ סאַך דינים און מצות, האַלט 26 בויגען 412 זייטען.

5) ספר במדבר חלק א׳ פון אָנהויב פרשה במדבר ווי מען האָט געציילט אַלע יודען אין דער מדבר ווער עס איז נאָר געוועזען עלטער פון 20 יאָהר, ביז סוף פרשת נשא ווי די נשיאים האָבען מקריב געווען קרבנות ביי דעם בּעֲנייען דאָס מִשְׁכָּן, 39 בויגען 622 זייטען.

6) ספר במדבר חלק ב׳ פון אָנהויב פרשה בהעלותך, אַז אין די מנורה זאָל שטענדיג ברענען בוימעהל עס זאָל זיך לייכטען פאַר גאָט׳ס כבוד ביז סוף פרשת מסעי ווי די יודען האָבען אַרום געוואַנדערט אין דער מדבר, צו זאַמען מיט מגילת רות, מ׳לייענט אים שבועות ווי עס איז בעשריבען דער יחוס פון דוד המלך ספר במדבר חלק ב׳ מיט מגילת רות צוזאַמען האַלטען 21 בויגען 342 זייטען.

7) ספר דברים פון אָנהויב פרשה ואלה הדברים ווי משה רבינו האָט בעשטראָפט די יודען פאַר זיין טויט ביז סוף פרשת וזאת הברכה די ערהאַבענע ברכה פיל מיט ליעבע וואָס משה רבינו האָט געבענשט אַלע יודען אין דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען, 12 בויגען 192 זייטען, דער ספר שמות אָנהויבענדיג פון פרשה בשלח אין די ספרים ויקרא, במדבר, דברים, נעמען

ארום א צייט פון 40 יאהר וואָס די יודען זענען געוועזען אין דער מדבר.

8) מגילת אסתר מ'לייענט די מגילה אום פורים ווי עס איז באַשריבען דער נס פון פורים דורך מרדכי ואסתר, 8 בויגען 138 זייטען.

9) מגילת שיר השירים מ'לייענט אום פסח, דער הייליגס-טער שיר וואָס שלמה המלך האָט געזינגען די ליבע צווישען הקדוש ברוך הוא מיט די כנסת ישראל, 23 בויגען 368 זייטען.

10) מגילת איכה מ'לייענט אום תשעה באב ירמיה הנביא בעווייגט דאָרט דעם חורבן פון דעם פאָלק ישראל צוזאַמען מיט מגילת קהלת מ'לייענט אום סוכות ווי שלמה המלך גיט אונז צופערשטעהן דורך דעם גרויסען מוסר וואָס דאָרט געפונט זיך אַז דער אמת'ער תכלית איז מ'זאָל מורא האָבען פאַר גאָט און גיין אין זיינע וועגען וועט אונז שטענדיג גוט זיין, מגילת איכה און מגילת קהלת צוזאמען, האַלטען 37 בויגען 602 זייטען.

דער אַרויסגעבער פון מדרש רבה מיט פרושים און מיט עברי טייטש קומט נישט צום פובליקום מיט פאַרשלאַגען פלענער אָדער צוזאָגען, דער אַרויסגעבער פון מדרש רבה האָט שוין ברוך השם די אַרבייט אָנגעהויבען און אויך געענדיגט און קומט צום פובליקום מיט אַ פאַרטיגע זאַך ווער עס וויל נאָר קויפען איז שוין דאָ גרייט אַ גאַנצער קאָמפּלעט מדרש רבה תורה מיט חמש מגילות.

די אדרעס:

בוכהאנדלונג

ליב מארגענשטערן ווארשא פראַנציִשקאַנער גאַס .No 26

Księgarnia L. MORGENSZTERN

Warszawa Franciszkańska № 26.

ווער עס וויל ערהאַלטען תשובה אויף וואָס ער פרעגט שריפטלעך זאָל שיקען אַ דאָפּעלטע פּאָסט-קאַרטע.

אור לארבעה עשר בודקין את המים מן הבתים ומן החצרות כל מקום שאין מכניסין בו מים א"צ בדיקה: **גמ'** מה"מ אמר קרא ובערת הרע מקרבך ואין רע אלא מים שנאמר והמים הרעים אמר רב חמרא מי פירות אסור לשתות בפורים מ"ט אמר

פירש"ה

אור לארבעה עשר. ערב שלפני ארבעה עשר וקרי לערב אור ע"ד שקורין לסומא סגי נהור: בודקין. בגמרא מפרש טעמא: מן הבתים ומן החצרות. בגמרא פריך ל"ל למיתני חצירות: כל. בגמ' מפרש האי כל לאתויי מאי: גמ' מה"מ דמים בפורים צריכים בדיקה: מי פירות. משקין שנעשה מפירות בער"א

תוספת מרובה

בודקין. תימא דקתני בדיקה גבי מים בשלמא לגבי חמץ שפיר דאת בדילי מיני' כולי שתא אבל מים בשלמא עניים שפיר דלא

פירוש עברי טייטש

מתני' (אוֹר לְאַרְבָּעָה עָשָׂר) דִי נַאכְט וָואס גֶעהֶער צוּ דֶעם פֶערצֶעהְנְטֶען טָאג אִין אֲדָר [ד"ה דְרַייצֶעהן טָאג אִין אֲדָר בַּיי נַאכְט], (בּוֹדְקִין אֶת הַמַּיִם מִן הַבָּתִּים וּמִן הַחֲצֵרוֹת) אִיז מֶען בּוֹדֵק אוּנ מֶען רוּימט אוֹיף דָאס וואסֶער פוּן דִי שְׁטוּבֶּען אוּנ פוּן דִיא הוֹיף, (כָּל מָקוֹם שֶׁאֵין מַכְנִיסִים בּוֹ מַיִם) אִין אַלֶע אֶרְטֶער וואוּ מֶען בְּרֶענְגְט קֵיין מָאל נִישְׁט אַרַיין קֵיין וַואסֶער, (אֵין צָרִיךְ בְּדִיקָה) דַארְף מֶען דָארְטֶען נִישְׁט בּוֹדֵק זַיין. גְמָרָא, (מְנָא הָנֵי מִילֵי) פוּן וַואנֶענְט וַוייס אִיךְ דָאס אַז דֶעם דְרַייצֶעהְנְטֶען אִין אֲדָר בַּיי נַאכְט דַארְף מֶען בּוֹדֵק זַיין אַז עֶס זָאלל קֵיין וַואסֶער נִישְׁט זַיין? (אָמַר קְרָא) עֶס שְׁטֶעהט אִין פָּסוּק: (וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ) דוּ זָאלסְט אוֹיסְרוּימֶען דָאס שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶס גֶעפִינְט זִיךְ בַּיי דִיר, (וְאֵין רָע אֶלָּא מַיִם) אוּנ שְׁלֶעכְטְס אִיז נִישְׁט קֵיין אַנְדֶער זַאךְ נָאר וַואסֶער, (שֶׁנֶּאֱמַר) דֶען עֶס שְׁטֶעהט אִין אֵיין אַנְדֶער פָּסוּק: (וְהַמַּיִם הָרָעִים) אוּנ דִי וַואסֶערֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע; זֶעה אִיךְ דָאךְ אַז דֶער פָּסוּק רוּפְט אָן דָאס וַואסֶער שְׁלֶעכְט, לֶערְנֶען מִיר זִיךְ אַרוֹיס אַגְזֵירָה שָׁוָה: אַזוֹי וִוי אֵיין פָּסוּק לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען דַארְף אוֹיס־רוּימֶען דָאס שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶס גֶעפִינְט זִיךְ, אוּנ נָאךְ אַפָּסוּק לֶערְנְט אוּנְז אַז וַואסֶערֶען רוּפֶען זִיךְ אָן שְׁלֶעכְטֶע, אִיז דֶערְפוּן גֶעדְרוּנְגֶען אַז מֶען דַארְף דָאס וַואסֶער אוֹיסְרוּימֶען. (אָמַר רַב חַמְרָא) הָאט רַב חַמְרָא גֶעזָאגְט: (מֵי פֵּירוֹת) פְרוּכְטָאוֶוע-וַואסֶער (אָסוּר לִשְׁתּוֹת בְּפוּרִים) טָאר מֶען אוּם פּוּרִים נִישְׁט טְרִינְקֶען. (מַאי טַעְמָא) צוּ לִיעב וָואס פַאר אַטַעַם אִיז

אמר קרא לעשות אותם ימי משתה ושמחה ואין שמחה אלא ביין שנאמר ויין ישמח לבב אנוש מתיב רב יינא לא מצא יין ישתה עסים ועסים מי פירות הוא שנא׳ מיין הרקח מעסים רמוני שאני עסים דאיתקש ליין דכתיבי גבי הדדי תינח עסים מי

תוספת מרובה

ולא בדילי מני׳ אבל עסירים מ"ט וי"ל דלא פלוג ועוד י"ל דעסירים נמי לא בדילי מני׳ דקא מלרכי לאפויי ולבשולי : ועסים מי פירות ניגהו . תימא למה ליה לרב ייגא לאקשויי מברייי׳ ממתניתין הוה מלי לאקשויי דקתני

פירש"ה

בער"א בלע"ז: לא מלא יין. ברייתא היא במס׳ סכורים: עסים רמוגים . ולריך לאתויי קרא דאי בלא

פירוש עברי טייטש

איז פְּרוּכְטָאוֶוע-וַואססֶער אָסוּר אוּם פּוּרִים ? (אָמַר קְרָא) עֶס שְׁטֶעהט אַ פָּסוּק : לַעֲשׂוֹת אוֹתָם יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה , מֶען זָאלל זַיי [די טֶעג פוּן פּוּרִים] מַאכֶען פְרֶעהלִיכֶע טֶעג , (וְאֵין שִׂמְחָה אֶלָּא בְּיַיִן) אוּנ פְרֶעהלִיכֶע טֶעג קֶאנֶן מֶען נוּר הָאבֶּען מִיט אַ גוּט גְלֶאזֶעלֶע וַויין , (שֶׁנֶּאֱמַר) דֶענֶן עֶס שְׁטֶעהט אִין פָּסוּק : (וְיַיִן יְשַׂמַּח לְבַב אֱנוֹשׁ) אוּנ וַויין מַאכְט פְרֶעהלִיךְ דֶעם מֶענשֶׁענס הַארץ , אִיז דָאךְ דֶערפוּן אַרְאָיָה אַז פּוּרִים דַארף מֶען טְרִינְקֶען אַ גוּט גְלֶאזֶעלֶע וַויין אָבֶּער נִישְׁט קֵיין פְּרוּכְטָאוֶוע-וַואססֶער , (מָתִיב רַב יַיְנָא) הָאט רַב יַיְנָא גֶעפְרֶעגְט אַקֻשְׁיָא : דֶער דִין אִיז (לֹא מָצָא יַיִן) אַז אַ מֶענְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעקְרִיגֶען אוּם פּוּרִים קֵיין וויין צוּם טְרִינְקֶען (יִשְׁתֶּה עָסִים) מֶעג עֶר טְרִינְקֶען סָאק , (וְעָסִים מֵי פֵּירוֹת הוּא) אוּנ סָאק אִיז דָאךְ אוֹיךְ פְּרוּכְטָאוֶוע-וַואססֶער , הַיינְט וְוִי אַזוֹי זָאגְט רַב חַמְרָא אַז פְּרוּכְטָאוֶוע-וַואססֶער טָאר מֶען אוּם פּוּרִים נִישְׁט טְרִינְקֶען ? אַז דֶער דִין אִיז נִישְׁט אַזוֹי . אֶנְטְוֶוערְט דִי גְמָרָא : (שָׁאנֵי עָסִים) סָאק אִיז גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ , עֶס אִיז נִישְׁט צוּ גְלַייכֶען צוּ פְּרוּכְטָאוֶוע-וַואססֶער , (דְאִיתְקַשׁ לְיַיִן) דֶען סָאק אִיז גֶעגְלִיכֶען צוּ וַויין , (דִכְתִיבֵי גַבֵּי הֲדָדֵי) דֶענֶן זַיי שְׁטֶעהֶען צוּזַאמֶען אִין פָּסוּק (מִיַּיִן הָרֶקַח מֵעֲסִיס רִמּוֹנִי) פוּן גֶעווִירְצְטֶען וויין אוּנ מִילְגְרוֹיְמֶען-סָאק , שְׁטֶעהט דָאךְ וַויין מִיט סָאק אִין אֵיין פָּסוּק , לֶערְנְט מֶען זִיךְ אָפּ אַז סָאק אִיז אַזוֹי גוּט וְוִי וויין אוּנ בְּעֵת הַדְּחַק אִין אַ נוֹיטְה קֶאנֶן מֶען יוֹצֵא זַיין מִיט סָאק אוֹיךְ . — פְרֶעגְט עֶייטֶער דִיא גְמָרָא : (תֵּינַח עָסִים) דָאס אִיז רֶעכְט סָאק , מֶעג מֶען טְרִינְקֶען אוּם

מי דבש מאי איכא למימר שאני מי דבש דמשכרי אי נמי מאי דבש דבש דבורים דלאו מי פירות נינהו אי הכי מי פירות דהיינו י"ש לתסרי וכ"ת ה"נ והתניא השותה י"ש בפורים יוצא י"ח אלא

פירש"ה

בלא קרא הוי מלי למימר דעסים לאו מי פירות הוא שנאמר (עמוס ט') וההרים יטפו עסים: אי הכי. אשנויי דרב המרא קא פריך דמשני מי דבש לאו מי פירות הוא ומשמע דשאר מי פירות אף דמשכרי נמי אסור כמו שעושין במדינות אשכנז שקורין נ.ה."ד ווין:

תוספת מרובה

דקתני בודקין את המים ואי ס"ד מי פירות נמי אסור ליתני מי פירות נמי וי"ל דניחא ליה לאקשויי מברייתא דקתני בהדיא מלאקשויי ממתניתין דהוה לריך למיפרך מדיוקא:

פירוש עברי טייטש

אום פורים ווייל עס שטעהט מיט וויין אין איין פסוק, גלייך איך עס צו וויין, (מי דבש) מעד (מאי איכא למימר) וואס פאר א תירוץ קאנן מען אנטווערען וואס מען מעג עס טרינקען אום פורים? דאס איז דאך אויך פרוכטאווע-וואססער, דענן מעד איז דאך פון האניג אונ האניג איז דאך פון טייטלען. אנטווערט דיא גמרא: (שאני מי דבש) מעד איז גאר עפעס אנדערש, דעריבער מעג מען טרינקען מעד אום פורים, (דמשכרי) ווייל מיט מעד שיכורט מען זיך אן; (אי נמי) אדער איך קאנן אזוי זאגען (מאי דבש) ווייסט דו פון וואס פאר א האניג דער מעד בארף זיין וואס מען מעג איהם טרינקען אום פורים, (דבש-דבורים) דער האניג דארף זיין פון ביהנען, איז עס שוין נישט קיין פרוכטאווע-וואססער. פרעגט דיא גמרא ווייטער: (אי הכי) אז עס איז יא אזוי, אז איך בין דעריבער מתיר מעד פון ביהנען-האניג ווייל דאס הייסט נישט קיין פרוכטאווע-וואססער, (יי"ש לתסרי) דארף דאך בראנפען זיין אסור צו טרינקען אום פורים דענן עס איז דאך אויך וואססער פון פרוכט, (וכי תימא הכי נמי) אונ אפשר וועסט דו זאגען, עס איז טאקי אזוי, מען טאר טאקי פורים קיין בראנפען נישט טרינקען, (והתניא) איז דאך אקשיא מיר האבען דאך געלערנט: (השותה יי"ש בפורים יוצא ידי חובתו) אז איטער טרינקט בראנפען אום פורים איז ער דערמיט יוצא די מצוה פון טרינקען אום פורים, היינט אז ער איז דערמיט יוצא די מצוה

פון

אלא מחוורתא כדשנינן מעיקרא ומסייע ליה לרב שתייא דאמר רב שתייא כל המשקין המשכרין אדם יוצא בהן ידי חובה בפורים ואפי׳ מי פירות׃

פירוש עברי טייטש

פון טְרִינְקֶען, מֶעג מֶען דָאךְ גֶעוִויס טְרִינְקֶען, אוּנ עֶס אִיז דָאךְ נוֹאסֶטער פון פְרוּכט, הַיינט פַאר וָואס אִיז דָאס אַזוֹי? — אֶנטְוָוערט דִי גְמָרָא, (אֶלָּא) נוּר (מְחֻוַּרְתָּא) דֶער בֶּעסְטֶער תֵּירוּץ אִיז (כִּדְשָׁנִינַן מֵעִיקָּרָא) וְוִי מִיר הָאבֶּען פְרִיהֶער פֶערַאֶנְטְוֶוערט, פַאר וָואס מֶעג מֶען טְרִינְקֶען מֶער אוּם פּוּרִים? ווייל מֶען קֶאנן זִיךְ מִיט דֶעם גוּט אָנְשִׁיכּוֹרֶען, אַזוֹי אוֹיךְ פוּן בְּהָאנְפֶּען קֶאנן מֶען גוּט שִׁיכּוֹר וֶוערֶען. (וּמְסַייֵּעַ לֵיהּ לְרַב שַׁתְיָא) אוּנ דָאס וֶועט זַיין אַ רְאָיָה צוּ רַב שַׁתְיָאן. (דְאָמַר רַב שַׁתְיָא) דֶענן רַב שַׁתְיָא הָאט גֶעזָאגְט: (כָּל הַמַּשְׁקִין הַמְשַׁכְּרִין) אַלְלֶע מַשְׁקָאוֹת וָואס שִׁיכּוֹרֶען אָן, (אָדָם יוֹצֵא בָּהֶן יְדֵי חוֹבָתָן בְּפוּרִים) אִיז אַ מֶענש מִיט זֵיי יוֹצֵא דִיא מִצְוָה פוּן טְרִינְקֶען אוּם פּוּרִים, (וַאֲפִילּוּ מֵי פֵּירוֹת) אוּנ אֲפִילוּ פְּרוּכְטְוָואסֶער וָואס מֶען קֶאנן נוּר דֶערמִיט שִׁיכּוֹר וֶוערֶען אִיז מֶען שׁוֹין יוֹצֵא דֶערמִיט אוּם פּוּרִים. —

הֶערְשֶׁעלֶע עֶסְטֶערְפֶּאלֶער זָאגְט אַ שְׁטִיקֶ'ל תּוֹרָה אִין דִי מְגִלָּה.

עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער מְגִלָּה אַז אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָט גְזָאגְט וְצוּמוּ עָלַי וְאַל תֹּאכְלוּ וְאַל תִּשְׁתּוּ שְׁלֹשֶׁת יָמִים לַיְלָה וָיוֹם גַּם אֲנִי וְנַעֲרוֹתַי אָצוּם כֵּן וכו׳ וָוארוּם דִי חֲכָמִים ז״ל הָאבֶּן גְזָאגְט אַז דֶר וָוס עֶסְט נִיט דְרַייא מֵעֵת לְעֵת רְצוּפִים דָם טְרֶעפְּט אָן צְווייא אוּנ זִיבֶּעצִיג שָׁעָה שְׁטִינְקְט אִים פוּן דֶעם מוֹל. אִיבֶּר דֶעם הָט אֶסְתֵּר גְזָאגְט אֲנִי וְנַעֲרוֹתַי אָצוּם כֵּן. וָואס כֵּן בַּטְרֶעפְּט נָאר זִיבְּצִיג מֶער נִיט וָוארוּם אַז זִיא וֶועט אוֹךְ פַּאסְטֶען צְווייא אוּנ זִיבְּצִיג שָׁעָה עֶם הֵייסְט דְרַייא מֵעֵת לְעֵת וֶועט זִי דָאךְ נִיט גְפִינֶען קֵיין חֵן בַּיי דֶעם מַלְכוּת אִיבֶּר דָם הָט זִי גְזָאגְט. וְצוּמוּ עָלַי וְאַל תֹּאכְלוּ וְאַל תִּשְׁתּוּ שְׁלֹשֶׁת יָמִים לַיְלָה וָיוֹם. דָם אִיז צְווַיי אוּנ זִיבְצִיג שָׁעָה. גַּם אֲנִי וְנַעֲרוֹתַי אָצוּם כֵּן אִיךְ וֶועל אוֹךְ פַּאסְטֶן זִיבֶּצִיג שָׁעָה אַזוֹ וְוִי כֵּן בַּטְרֶעפְט וָוארוּם וּבְכֵן אַז אִיךְ וֶועל פאסְטֶן צְווַיי אוּנ זִיבְצִיג שָׁעָה אָבוֹא אֶל הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר לֹא כַדָּת וֶועל אִיךְ שׁוֹן קוּמֶן צוּם מֶלֶךְ נִיט אַזוֹ וְוִי דֶר דִין וָוארוּם אִיךְ וֶועל דָאךְ שׁוֹן הָאבֶּען רֵיחַ הַפֶּה. וְכַאֲשֶׁר אָבַדְתִּי אָבָדְתִּי אַזוֹ וְויא אִיךְ בִּין פַארְלָארֶן גְוָוארֶען פוּן מַיין טַאטִינְס מִשְׁפָּחָה אַזוֹ וֶועל אִיךְ פוּן דֶעם מֶלֶךְ אוֹךְ פַארְלָארֶן וֶוערֶען׃

די מגלה פון חעלעמער נאראנים.

ויהי בימי קלונימוס הפרוש, אונ עס איז געוועזען אין דער צייט וועןדער דרדקי מלמד קלונימוס הפרוש, המולך, וועלכער האט געקנעלט מיט זיבען און צוואנציג קינדער און ער האט געוואוינט אין חעלעם, געגעבן דער שוהל מיט זיין ווייב מלכה, און דריי ערוואקסענע בתולות.

עשה כ״ש זה, האט זיך איהם פערגלוסט מאכען א סעודה פורים אום [illegible] צייטען, דער וועלט, אז א דרדקי מלמד וויים אויך וואס נוט איז.

שבעת ימים, זיבען טאג פאר פורים האט רבי קלונימוס הפרושגעזאגט צו זיין ווייב מלכה, זי זאל מאכען פורים צו דער סעודה א טייגעכץ.

ותמאן המלכה, און זיין מלכה האט ניט געוואלט פאלגען זיין בעפעהל, און האט איהם ערקלערט דאס פיר א דרדקי מלמד איז א טייגעכץ א צו רייכער מאכל, עס דארף אפקאסטען דעם מלכות אוצרות, מעהל, שמאלץ, צימרינג, נעגעלאך, מיט איין ווארט אז אזעלכע טהייערע מאכלים איז ניט פיר זיי בעשאפען געווארען.

ויאמר קלונימוס הפרוש, און ר׳ קלונימוס האט א זאג געטוהן נאך אמאהל מיט א הארבען ווארט, אז ער זאגט טייגעכץ! מוז בעשאפען ווערען א טייגעכץ. אי וואס, עס דארף קאסטען א סך געלד, מוז זיא אבשפארען פון דער גאנצער וואך, און צונויפקלויבען אזוי פיעל געלד עס זאל זיין גענוגען צו מאכען א טייגעכץ.

וכראות המלכה, און אז זיין ווייב מלכה האט ארויסגעזעהען דאס ויא וועט גאר ניט ארויס[illegible]ען, האט זיא א גאנצע וואך געהונגערט מיט די בתולות, ביז זי האט צונויף געזאמעלט דרייסיג גראשין וועלכע עס מוז קאסטען א טייגעכץ.

ויהי היום, [illegible] רייסען מיר דאך אז וואו נאר א ויהי מוז זיין א צרה, עס [illegible] פריה מארגען פון דעם טאג פורים, ר׳ קלונימוס פרוש [illegible] שוהל הערען די מגלה, און זיין מלכה איז אוועק אין מא[illegible] אלע נעטהיגע זאכען פיר דעם טייגעכץ, האט זי בעגעגענט א מאן (יש אומרים, אז דאס איז געוועזען דער יצר הרע פארשטעלט אין דעם געשטאלט פון א מענשען) וועלכער האט געטראגען אין א קארב פערשיעדענע סחורות, און אויך ווייבערשע זאכען.

וכראות מלכה, אונד ווען מלכה האט דערזעהען די זאכען, האט זי זיך דערמאהנט דאס איהרע דריי גרויסע טעכטער געהן נעבעך בארוועס, און אנשטאט צו קויפען די ארטיקלען פון דעם טייגעכץ, האט זי געקויפט דריי פאר זאקען, האט עס געבראכט א היים און אריינגעלעגט אין קאסטען, קיינער זאל עס ניט בעמערקען.

ובעת ההיא, און אין דער זעלבער צייט וואס דער יצר הרע פון די זאקען איז געלונגען צו איבערעדען מלכה צו בעגעהן דעם שרעקליכען פערברעכען, האט ר׳ קלונימוס פרוש פארבראכט אין שוהל אין דאווענע בשמחה ובטוב לב; דער גוטער געדאנק, דאס קומענדיג צו הויז וועט ער שוין געפינען זיין טייגעכץ פארטיג אויסגעבאקען, דאס האט אים געגעבען התפעלות און ער האט זיך דארט געשפעטיגט מעהר פון אללעם.

ויהי כבאו הביתה, אונ עס וואר אלם ר׳ קלונימוס פרוש איז געקומען אהיים צוריק פון דער שוהל, האט ער אב געגעבען זיין מלכה אברייטען און אפרייליכען גוט יום טוב, ער האט גאנץ געלאססען אויף געהאנגען זיין טלית זעקיל אויף דעם פלעקעל און אויך זיין זופעצע, געטוהן אגעשמאקען שמעק טאבעק, און האט זיך אוועק געשטעלט גלייך אנטקעגען זיין מלכה. קוקענדיג פרעהליך גלייך אין איהר געזיכט, האט ער מוטהיג אפרעג געטוהן, נוא ? ! —

— וואס נוא ?! האט מלכה געפרעגט זיך ניט מאכען וויסענדיג.

— וואס הייסט וואס ? וואס הערט זיך מכוח ? . . . .

— איך וויים ניט וואס דוא מיינסט מכוח, האט זיא ווייטער קאלט געענטפערט.

— וואס הייסט דו ווייסט ניט, האט ר׳ קלונימוס שוין אביסעל מיט כעס געפרעגט, היתכן ? ווייסטו דען ניט אז איך מיין דעם טייגעכץ ? וואס הערט זיך, איז ער שוין אבגעבאקט ? פערטיג ?

— יאה, שוין פארטיג ! האט מלכה געענטפערט מיט א שטארקען זיפץ, פיהלענדיג דאס אט אט ברעכט אוים דער ווילדער שטורם איבער איהר קאפ.

— נוא לאמיך עס חאטש אנקוקען ! האט קלונימוס אונגעדולדיג געזאגט.

— קום איך וועל דיר צייגען, — האט מלכה געזאגט ציטערנדיג — און האט איהם גלייך צוגעפיהרט צום קאסטען, האט אויפגעהויבען דעם דעק וועלכען זי האט צוגעהאלטען מיט איין האנד און מיט די אנדערע האט זיא איהם געצייגט אויף דיא דרייא פאר נייע זאקען וועלכע זענען דארט געלעגען, זאגענדיג:

דו זעהסט ? דאס איז אונזער טייגעכץ !

כרעם בגלגל, ווי א גראססער דאנגער שלאג וואלט אים גיטראפען האבען די ווערטער געווירקט אויף אים. בעת מעשה האט ער זיין פערשטאנד פערלוירען, זיינע אויגען האבען זיך אנגעגאסען מיט בלוט,

און ווי אווילדער טינער האט ער זיך צו איהר אוואָרף געטוהן שרייענדיג מיט אווילדע שטימע: ארורה! בעגלייטענדיג מיט אשרעקליכען קלאפ א בער איהר קאפ, זי איז בעת מעשה אזוי צו טומעלט געוואָרען, דאס זי האט גאר ניט געוואוסט וואס צו טוהן, און האט זיך אוואָרף געטוהן אין קאסטען אום זיך צו בעשיטצען פון זיינע קלעפ, און ער נאך איהר. ווערהענד זיי האבען זיך דארט געראנגעלט, האט זי אבגעלאזען איהר האנד וועלכע האט ביז יעצט צו געהאלטען דעם דעק פון קאסטען, דער שווערער דעק איז געפאללען אויף זייא אונד פון דעם שטארקען קלאפ האט זיך דער שלאס פערהאקט און ר׳ קלונימוס מיט זיין מלכה זענען ביידע געבליבען פערשלאססען אין קאסטען.

ויתרוצצו בקרבה, אונד ווערענד זיי האבען זיך דארט געראנגעלט, האט דער קאסטען וועלכער איז געווען אויף רעדלעך אנגעפאנגען אומפאהרען איבער דעם צימער, ביז ער האט זיך אנגעקלאפט אן דער טיהר. פון שטארקען קלאפ האט זיך דיא טיהר גיעפענט, און דער קאסטען איז גלייך ארויס אויף דער גאס, און דאן בארג אראפ. און אזוי נויא זייער שטיבעל איז געשטאנען פונקט געגען דער שוהל איז דער קאסטען גלייך אריינגעפארען אין פאלעש פון שוהל, און קיינער האט עס ניט בעמערקט.

אחר הדברים האלה. נאכהער ווי דיזער אונגליק האט פאסירט, האט זיך דער חעלעמער עולם געקליבען געהן אין שוהל צו מנחה פאר פריה אום זיי זאלען קענען פריער זיך מכין זיין צו דר סעודה, ווי דער־שראקען זענען זייא אבער געוואָרען, אלם זייא האבען דערזעהן דאס א קאסטען פארט ארום אליין אין פאלעש!

דחופים ומבוהלים, דערשראקען צום טויט האבען זיי אלע ארויס געלאפען צוריק, ווייל עס איז געווען גאנץ דייטליך ארויס צו זעהן אז דא מוס זיין עפעס מעשה שטן, באלד האט זיך די נייעס פארבּרייטעט אין דער גאנצער שטעטעל, מען איז געלאפען צום רב, צונויפגערופען א אסיפה וואו איינער האט געזאגט, מען זאל באלד געהן אללע אויפען היילינגען ארט און בעטען מחילה די שוכני עפר, ווייל דאס מוס זיין געווים אגלגול, אנאנדערער האט געגעבען אעצה מען זאל אריין געהן אללע אין שוהל, בלאזען שופר און מחרים זיין די קליפה, אז מען האט אבער אנגעהויבען פרעגען מי בראש? ווער זאל דער ערשטער אריין געהן אין שוהל, האבען זיך אללע צוריק געצויגען, און דערווייל איז געווען והעיר חעלעם נבוכה! —

וקראות הרב, און אלם דער רב האט ארויסגערופן, אז פון …
מספה וועט גאר ניט זיין, און דערווייל קען מען חלילה עבר זיין זמן מנחה, בפרט נאך פורים, דאס קען דאך צושטערע די שמחה פון דער גאנצער קהילה, האט ער ארויסגעגעבן אפסק, מען זאל נארפען גורל ווער עס זאל זיין דער עשטער.

ויפילו פור הוא הגורל, און דער גורל איז געפאלען אויף ר' שבתי דעם לאנגען, דער שמש פון דער חברה קדישא, און כאטש ער איז געוועזן ניט קיין שרעקענדיגער, דאך האט ער פריער אב געזאגט וידוי, און נאכהער אויסגעטרונקען עטליכע גלעזער גוטען שנאפס בראנפן ערשט איז ער נעגאנגען מיט א קלאפענדען הארצען און מיט ציטערענדע גליעדער מקדש השם ברבים זיין, און די איבעריגע זענען איהם נאכגעגאנגען ווי צערשראקענע שעפעלעך.

ויחזק ה' את לב ר' שבתי, און דער הש"ת האט אריינגעגעבען מוטה אין ר' שבתי'ס הארץ, און אויסשרייענדיג דריי מאל שמע ישראל! האט ער אויפגעבראכען דעם קאסטען.

ויזעק זעקה גדולה ומרה! אונד אלם די העלמער בעלי בתים האבען דערזעהען דארט ליגענדיג דעם דרדקי מלמד מיט זיין ווייב מלכה צו בלוטיגטע צו הארגעטע קוים לעבעדיגע ויצאה נשמתם, איז כמעט ארויסגעפלויגען זייערע נשמות פון שרעק, און נאכהער אז מען האט זיי אב געמונטערט, האט דער רב זייא בעשווארען זיי זאלען דערצעהלען דעם אמת לפני כל הקהל ווי אזוי דער אונגליק האט מיט זיי פאסירט, און ווי אזוי זיי קומען אין פארשלאסענעם קאסטען.
אונד ווען קלונימוס האט דערצעהלט דעם גאנצען אמת, ווי זיין ווייב איז נעבעך פארפירט געווארען פון דעם יצר הרע פון זאקען, און דעם גרויסען אונגליק וואס זייא האט געטראפען, איז געבליבען בחסכם, צו פערפאסען דריי תקנות אום צו פערהיטען די ווייטערע דורות פון אזעלכע אונגליקען רחמנא ליצלן.

ויכתבו בספר, אונד מען האט דאס פארשריבען אין פנקס אז מיום הזה והלאה טאר אמלמד ניט וואהנען אין שוחל נאס; אונ טאהר ניט האבען אקאסטען מיט רעדלעך, און עס טאר ניך אים ניט געלוסטען קיין טייגעכץ. און דער נאמען פון שבתי שמש זאל זיין יזכר לטוב.

בזכות זה ובא לציון גואל, ונאמר אמן!

שמעריל האט זיך אויף דער עלטער פאר גינען אז ער האט אהר צייט גיהאט. האט ער געוויסט גאנץ גוט. אז ער וועט קומען אין קלויז אריין. וועט מען פון איהם פאר לאנגין בראנפין גיט פאר בייסין:

אזויא האט ער אליין גיקויפט א פלאש בראנפין אונ איז צוא גינאנגין צו איין ערלית אונ האט גיקויפט בייא איהר פאר דרייסיג קאפעקעס צוויא קאהלביסים. אונ האט זייא אריין גילייגט אין קעשינע אריין אונ צו פליים האט ער גילאזט ארויס שטעקין איין שטיקעל:

דיא ערלית אבער האט ער פאר דיא קאהלביסים ניט באצאהלט. נור ער האט איהר אן גיזאגט אז זיא זאל באלד אריין קומען אין קלויז מאנין געלט פאר דיא קאהלביסים:

שמעריל איז גלייך גינאנגין אין קלויז אריין מיט דעם טלית אונ תפילין. אונ גייט ארום אין קלויז הין אונ צוריק:

דעם שמש האט ער אוועק גיגעבין דיא פלאש בראנפין:

אונ ווידער וויא דיא חברה קלויזניקעס האבין גיזעהען אז עס שטעקט ארויס פון שמערילס קעשינע דיא קאהלביסעס. האבין זייא בייא איהם לאנגזאם ארויס גישלעפט דיא קאהלביסים פון דער קעשינע אונ ער האט זיך גימאכט ניט וויסענדיג:

שמעריל האט זיך גישטעלט דאווינען פאר דעם עמוד. אונ מען האט זעהר פיין אפ גידאווינט:

נאך דעם דאווינען האט שמעריל גינומען דיא פלאש בראנפין בייא דעם שמש אונ האט גיטהיילט דעם גאנצין עולם. צו פאר בייסין האבין זייא שוין אליין גיהאט. דען זייא האבין זיך איין גיטהיילט מיט דיא קאהלביסים:

אין דעם קומט אריין דיא ערלית אין קלויז אונ מאנט איהם ער זאל איהר באצאהלין פאר דיא קאהלביסים:

שמעריל זאגט צו איהר. וועער עס האט גיגעסין דער זאל באצאהלין:

דיא חברה האבין אן גיהויבען צוא שפייען אונ צו תראקין. עס האט אבער זייא גאר ניט גיהאלפין דאס שפייען. אונ זייא האבין זיך גימוזט צוא נויף לייגין אונ באצאהלין דיא ערלית איהרע דרייסיג קאפ׳:

אוֹיף פּוּרִים.

1.

אִין אֵיין פַאךְ,
זֶענֶען מִיר רַייךְ, חֲלֶעבְּן גְלַייךְ.
מִיט דִיא גְרוֹסֶע גְבִירִים.
